גוט שבת אלע אידן. עס איז דא א שול אין שטאט סיאטעל אין דעם סטייט וואשינגטון וואס הייסט "ביקור חולים ספרדי." דער הויפט ביקור חולים שול אין סיאטעל האט זוכה געווען צו האבן חשובע רביים אזוי ווי דער צדיק ר' יעקב קאמענעצקי, זצ"ל. די ספרדישע קהילה פון דעם שול איז געגרונדעט געווארן בערך אכציג יאר צוריק דורך ספרדישע אידן וואס זענען געקומען פון טורקיי. דער היינטיגער רב, רב מיימון, איז רמב"ם זצ"ל'ס אן אייניקל.

רב מיימון טוט אסאך חסד אין די אידישע קהילה אין סיאטעל. ער איז באקאנט פאר זיין הכנסת אורחים. ביי זיין שבת טיש זיצן יעדע וואך עטליכע געסט. כמעט אלע משולחים וואס קומען קיין סיאטעל שטייען אן ביי רב מיימון. איין פרייטאג צונאכטס ביי דער שבת סעודה, האט איינער פון די משולחים פון ירושלים דערציילט דעם פאלגענדעם מוראדיגען מעשה.

עס איז דא א געוויסער יונגערמאן אין ירושלים וואס איז געווען ל"ע זייער ארעם. יענער יונגערמאן איז ב"ה געבענטשט מיט אסאך קינדער. עס איז אמאל געווען פאר שבת און זיי האבן נישט געהאט קיין ברויט אין שטוב. די דאנערשטאג נאכט האט די פרוי פון יענעם איד געבעטן אז איר מאן זאל ארויסגיין זוכן עסן אדער א וועג צו קויפן עסן פאר שבת. די פרוי איז געווען זייער באזארגט ווייל זי האט נעבאך נישט געהאט מיט וואס צו מאכן שבת, ל"ע. דער מאן האט גלייך מסכים געווען ארויסצוגיין זוכן צורכי שבת. דער יונגערמאן האט געהאט אבער דעמאלט א סדר לערנען מיט זיין זון אין יענע שעה, און ער האט נישט געוואלט עס מבטל זיין בשום אופן. און אזוי איז טאקע געשען, דער יונגערמאן האט זיך אראפגעזעצט לערנען מיט זיין יונגעל. כאטש אפילו זיי האבן נישט געהאט קיין געלט אין שטוב, ל"ע, האבן די הייליגע דברי תורה וואס זיין האבן געזונגען צוזאמען, אויפגעלאכטען דעם שטוב. די שמחה פון דעם לערנען האט געהאלפן פארשאפן א בעסערע געפיל אין שטוב. דער טאטע האט געוואוסט באמונה שלימה אז דער אייבערשטער וועט העלפן. די צוויי, דער טאטע מיט זיין זון זענען געגאנגען צו דעם שבת צימער וואו זיי האבן זיך אראפגעזעצט לערנען משניות.

באלד דערנאך איז געקומען צו לויפן איינער פון דעם יונגערמאן'ס טעכטער אריין אין דעם שבת צימער. דער יונגערמאן האט אוועקגעמאכט זיין טאכטער, ווייל ער האט נישט געוואלט געשטערט ווערן אין מיטן לערנען. אבער, דאס מיידל האט זיך גע'עקשענט אז זי מוזט רעדן מיט איר טאטען, ווייל עס איז געווען זייער וויכטיג.

זעענדיק אז ער האט נישט געהאט קיין ברירה, האט ער אויסגעהערט דעם מיידל כדי געוואר צו ווערן וואס איז טאקע געווען אזוי וויכטיג. דער יונגערמאן האט אראפגעלייגט דעם משניות און געזאגט צו זיין טאכטער, "נו, וואס איז... מיידעלע?"

דאס מיידל האט געזאגט אז עס זענען צוויי פרייע מענטשן וואס שטייען ביים טיר וואס וועלן רעדן מיט דעם מיידל'ס טאטען. דער יונגערמאן האט נישט דערווארט אויף קיין געסט, און ער האט זיכער נישט דערווארט אויף קיין פרייע חברה. ער האט געהאלטן אין מיטן לערנען און ער האט נישט געוואלט מפסיק זיין פאר קיינעם. ער האט געשיקט זיין טאכטער צו זאגן צו די מענער אז ער קען נישט צוקומען.

דאס מיידל איז געלאפן צו דער טיר לויט איר טאטע'ס באפעל. דער יונגערמאן האט אריינגעקוקט אין משניות, טרעפן דעם פלאץ נאכאמאל כדי צו קענען לערנען ווייטער. פלוצלינג איז דאס מיידל צוריקגעקומען זאגענדיק אז זי האט איבערגעגעבן זיינע ווערטער צו די מענער, וואס שטייען לעבן דער טיר, אבער זיי וועלן נישט אוועקגיין. דער יונגערמאן האט פארמאכט די משניות און ער איז געגאנגען צו דער טיר צו זען וואס דער מעשה איז.

ווען ער איז אנגעקומען צו דער טיר האט ער געזען צוויי פרייע מענטשן שטייען לעבן דעם שוועל. איינער פון די מענער האט ארויסגענומען א קליינעם רעוואלווער פון זיין טאש און ער האט געהייסן אז דער יונגערמאן זאל איבערגעבן אלע זיין געלט. דער אינגערמאן האט ארויפגעשיקט א תפילה צום אייבערשטען, בעטן אז די צווי רויבערס זאלן צו אים און נישט זיין משפחה אויך נישט טון קיין שלעכטס...

יעצט אז מען גרייט זיך צו צום הייליגן יום טוב פסח, דארפן מיר געדענקן די ראלע וואס תפילה האט געשפילט אין דעם גאולה פון מצריים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "...ויאנחו בני ישראל מן העבדה ויזעקו ותעל שועתם אל האלקים מן העבדה. וישמע אלקים את נאקתם ויזכר אלוקים את בריתו וגו'" זאגט דער מדרש אויפן פסוק, "שמע הקב"ה לתפלתן והוציאן ביד חזקה ובזרוע נטויה." – אז דער אייבערשטער האט געהערט די תפילות פון די בני ישראל און דורך דעם האט ער ארויסגענומען די אידן פון מצריים. (מדרש רבה שיר השירים ב,לה) פון דא זעט מען דעם שטארקען כח פון תפילה, ווייל דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט די בני ישראל פון גלות מצרים דורך תפילה.

יעצט לאמיר ענדיגען דעם מוראדיגן מעשה... נאכדעם וואס דער יונגערמאן האט שנעלערהייט געזאגט א תפילה, האט ער זיך אוועקגערוקט פון דער טיר, אזוי ווי זיי אריינצולאזן אין זיין הויז. דער יונגערמאן האט געוויזן מיט זיין האנט אויף די ליידיגע שענקלעך אין דעם קאך, און די ליידיגע טשיינע שענקל וואס האט נישט געהאט גארנישט. ער האט געוויזן צו זיי, אזוי ווי צו זאגן צו זיי אז זיי מעגן נעמען וואס זיי וועלן, ווייל ער האט נישט גארנישט!

איין רויבער האט געקוקט אויף דעם צווייטן און געשאקעלט זיין קאפ, אזוי ווי צו ווייזן אז ער איז מסכים צו טון עפעס א זאך. דער רויבער האט דעם רעוואלווער אוועקגעלייגט אין זיין טאש. דאן האט דער צווייטער רויבער ארויסגענומען א גראבע פעקעל געלט און עס איבערגעגעבן צום יונגערמאן. קוים ביז דער יונגערמאן האט געקענט זאגט "תודה רבה" זענען די צווי אוועקגעגאנגען אראפ דעם טינקעלע טרעפ אין בנין.

...צוריק אין סיאטעל ביי רב מיימון'ס שבת טיש, זענען די געסט געבליבן שטיל נאכן הערן אזא מוראדיגן מעשה. סוף כל סוף, נאך א מינוט צוויי שטילקייט, האט איינער פון די געסט, א משולח פון ירושלים געזאגט אז ער ווייסט אז דער מעשה איז אמת, ווייל יענער יונגערמאן איז געווען זיין ברודער! גוט שבת אלע אידן.